# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
“Bin” – Organizatsye Fun Di Sabres Fun Yerushalayim d’Yidish / “Bee” – Organization of the Sabras of Jerusalem of Yiddish

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1ns96673

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Author
Lazar Ran, Leyzer Ran /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייזער ראַן / ניו־יאָרק

# „בין״־אָרגאַניזאַציע פון די סאַבּרעס פון ירושלים ד׳ייִדיש

צווישן די עכט־גאַלאָמבישע אויפטוען ווילן מיר דערציילן אויפן היינטיקן סיום־גאַלאָמב וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די סאַבּרעס פון ירושלים ד׳ייִדיש, דער סקויטן־באַוועגונג „בין״, אַ יוגנטלעכער געוויקס פון דעם כסדר זיך באַנייענדיקן נוסח ווילנע, וואָס איז מיט 50 יאָר צוריק אויסגעפלעגט געוואָרן אין גאַלאָמבס ייִדישיסטישער ישיבה — דעם ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר — דורך די סעמינאַריסטן בראש מיט אברהם גאַלאָמב און מאַקס ווײַנרײַך.

פאַרטראַכט ווי אַ העכערער שטאַפּל פון די שול־קלובן, איז די „בין״ אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1927 ווי אַן אָרגאַניזאַציע וווּ די ייִדישע שול־און אַרבעטער־יוגנט זאָלן נישט אַרײַן „אויף דער לער״ ווי פּאַרטייאישע שיק־ייִנגלעך, נאָר זיי זאָלן זיך פרײַ און זעלבסטשטענדיק אַנטוויקלען און אויסלעבן אין אינטערעסן־קרײַז פון דער ייִדישער שול און געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער פון פאָלקיסטיש־סאָציאַליסטישן ייִדישיזם.

די אַרבעט־פּראָגראַם איז לכתחילה אויסגעפּלאַנירט געוואָרן אין פאָלגנדע ריכטונגען: פיזישע דערציונג־סקויטישע שפּילן, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און וואַנדערונגען. האַנטפאַרטיקייט — אויסבילדן די קענטענישן צו זײַן אַ בריה אין אַ צאָל פּראַקטישע מלאכות. זעלבסטבילדונג — אויסשולן די נייגונגען אין ליטעראַטור, מוזיק, מאָלערײַ, טעאַטער, עקזאַקטע וויסנשאַפטן, צו שטודיע און פאָרשונג.

דערציונג און זעלבסט־קאָנטראָל — צו לעבן אָרגאַניזירט אין דיסציפּלינירטע ראַמען. אַרבעט פאַרן כלל — אַנטוויקלען די געוווּנשאַפט און אינטערעס אין פאַראַנטוואָרטלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין יעדער געמיינשאַפט, אָנגעהויבן פון דער היים, שול, „בין״, און אויסגעפּרוווט אין „בין״־קאָלעקטיוו אויף די זומער, ווינטער, וואַנדער און ערד־אַרבעט־לאַגערן, צו זײַן גרייט פאַרגעזעלשאַפטלעכן דינסט דעם אַרבעטנדיקן פאָלק און הילפס־גרייט פאַר מיטמענטשן.

געזאָגט — געטאָן! ווי דער מאָטאָ פון דער „בין״־אַרבעט און די בינישע באַגריסונג: גרייט? — שטענדיק גרייט! האָבן כסדר געדאַרפט מאָנען און דערמאָנען, אַז: די קלענסטע טאָג־טעגלעכע מעשים טובים זײַנען שטענדיק וויכטיקער ווי די שענסטע רייד.

די בינישע שבועה האָט אויף אַ קורצן חלילשן שטייגער סומירט די גאַנצע „בין״־פּראָגראַם: „איך זאָג־צו צו דינען דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור; מיט חשק צו העלפן דעם נאָענטן און צו היטן דעם בינען־געזעץ.״

שוין דאָס אַליין, וואָס די „בין״ האָט זיך ניט פאַרמאָסטן איבערצוקערן די וועלט, נאָר איבערצובויען זיך אַליין, צו זײַן אויסגעשולטע דיסציפּלינירטע מענטשן און שטאָלצע באַוווּסטזיניקע און שעפערישע ייִדן, האָט אויסגעטיילט די „בין״ צווישן די אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אָבער דער סימן מובהק פון דער „בין״ און די „בינען״ איז געווען זייער ליבשאַפט, געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער שפּראַך און קולטור אין אַלע אויסדרוקן און פאָרמען.

די „בינען״ האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער אַרבעט פאַר דער ייִדישער שול אין ווילנע און פּראָווינץ. אַ פּאָר בײַשפּילן וועלן דאָס אַמבעסטן אילוסטרירן. ווען צוליב אַ מיאוסער צעשטערערישער מחלוקת האָט די עלטסטע ייִדישע ייִנגל־שול אין ווילנע געהאַלטן בײַם אונטערגיין (אין 1929), און די דערוואַקסענע און יוגנטלעכע זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין דיסקוסיעס און קריגערײַען, האָט די „בין״ מאָביליזירט אירע מיטגלידער און צעשיקט איבער גאַסן און געסלעך אין ייִדישע היימען און געבראַכט 96 שילער אָנצוהייבן די שול־אַרבעט אויפ־

סביי. און ווען די ייִדישע שול אין גראָדנע האָט געפּייערט (אין 1933) איר ערשטן אַרויסלאָז, זײַנען די ווילנער בינען מיטן באַן, ראָווערן און צופוס געקומען זיך משמח זײַן אויפן שול־יום־טוב און מיט זייער האַרציקער פרייד געוואָרן דער וווּנדערפון די גראָדנער ייִדן.

און אויף אַן ענלעכן שטייגער האָבן די בינען אַרײַנגעטראָגן זייער אָנצינדנדיקן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם אין זייער אַרבעט אין און פאַרן ייוו״אָ, פאַרן ייִדישן בוך, פּרעסע און פּעריאָדיק, פאַרן בעסערן ייִדישן טעאַטער, פאַר דער ייִדישער קונסט און מוזיק. אין דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זײַנען זיי געווען טעטיק אויף צענדליקער אַדרעסן: אין דער ייִדישער אָפּערע און מאַריאָנעטן־טעאַטער „מיידים", אין די ייִדישע כאָרן און אָרקעסטערס, אין דער ייִדישער קינדער־אוידיטאָריע, קינדער־טעאַטער, ספּאָרט־פאַריין „מכבי" און פּראָפּאַרייִשע קולטור־אימפּרעזעס, און זיך אויסגעצייכנט ווי די שטענדיקע וועכטער און אָרדענער אויף ייִדישע קולטור־אימפּרעזעס.

אַזוי איז די „בין" אויסגעוואַקסן ווי איינע פון די אָריגינעלסטע און רירעוודיקסטע יוגנט־באַוועגונגען מיטן צענטער אין ווילנע און אָפּטיילונגען אין איבער צוואַנציק שטעט און שטעטלעך.

אין גאַנג פון איר וווּקס און אַנטוויקלונג האָט די „בין" עקספּערימענטירט און אײַנגעשלאָסן אין איר אַרבעט־פּראָגראַם אַ צאָל פון די אַטריבוטן, אידעען און אידעאַלן, וואָס האָבן זיך געוועבט און געשפּונען אין גבול פון דער ייִדישער שול־און קולטור־באַוועגונג: א) שפּראַך און קולטור־ייִדישיזם; ב) פּראָדוקטיוויזאַציע און ערד־אַרבעט; ג) וועלטלעכקייט און דאָאיזם; ד) ניט־אַפּיליאירטער סאָציאַליזם און פּערמאַנענטער איבערגעשטאַלטונג.

און אין דעם ברייטן ספּעקטרום פון וועלטלעכער ייִדישקייט פינקלען אַרויס, ווי ראָזשינקעס אין שבתדיקן געבעקס, אַלטע ייִדישע טראַדיציעס. לדוגמא: דער אָריגינעלער „בין" יום־טוב פון „באַגעגענען דעם פרילינג״" אין די בערג (דעם 24טן מערץ), איז אַ באַנײַטער וואַריאַנט פון אַן אַלטער ייִדישער טראַדיציע פון דער ווילנער מתנגדישער חברה „נץ החמה", וועמענס מיטגלידער פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די בערג צו באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג מיט תפילת שחרית.

און דער באַליבטער בינישער מנהג: אָנצוהייבן און פאַרענדיקן יעדן בינישן צוזאַמען(קום) מיט אַ ליד און אויף יעדער עפנטלעכער אימפּרעזע אויסלערנען אַ ליד דעם עולם — איז אַדאַפּטירט און איבערגעפלאַנצט פון דער חסידישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַזוי דערפאָלגרייך אײַנגעפלאַנצט אין דער טרויעריקער ייִדישער וואָר די ליבשאַפט צו אַ זמר, אַ ניגון און אַ טאַנץ. האָבן בינען געזונגען מיט יוגנטלעכן פייער און ברען, און דער זינג רעפּערטואַר האָט אײַנגעשלאָסן איבער הונדערט לידער פון פאַרשיידענעם זשאַנר און כאַראַקטער, דערפון אַ באַדײַטנדע צאָל געשאַפן פון די בינען און אָנפירערס. און אַ באַוועגונג וואָס ז י נ ג ט — זינקט ניט! האָבן בינען התלהבותדיק געזונגען:

אין די ווייטסטע לענדער
זײַנען מיר צעשפּרייט.
יעדער אָרט — אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

יעדער שטאָט — אַ קנופּ,
אַ בינשטאָק — יעדעס לאַנד;
פלאַטערט ווי אַ פאָן אויף
גריסט זי אונדז באַקאַנט.

איז אונדז איצטער טייער
די ווייסל און דער ריין;
דער ירדן און דער אַמור —*)
ווו ס'וואַקסט אַ בייע היים.

איז אונדז איצטער טייער
גאָר די גאַנצע וועלט,
ווו ס'בויט ביי ווייטע ברעגן
זיך אונדזערס אַ געצעלט.

(אַ פאַרבינישטער טעקסט
פון אברהם רייזען־ליד)

---

*) אַמור — אַ רמז אויף בּיראָ־בּידזשאַן, דער גרויסער קאָמוניסטישער בלאָף, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ וויסטער חלום.